בס"ד

א וועכנטליכע בלעטל ארויס געגעבן דורך בני אמונים

# וכל מאמינים

## פרשת וירא

## בנתיבות אמונים

פון די טיפקייט פון די פרשה אין די ענינים פון אמן און תפילה

### דער וואס דאוונט אויף א צווייטן... ווערט פריער געהאלפן

צווישן די באקאנטע און ספעציעלע סגולות וואס זענען פארבינדן מיט תפילה, איז באקאנט די סגולה פון 'המתפלל על חברו... הוא נענה תחילה', וואס ד.מ. אז דער וואס דאוונט אויף א צווייטן... ווערט פריער געהאלפן.

די מקור פון די סגולה טרעפן מיר אין די גמרא (ב"ק צב א, עס ווערט געברענגט אין רש"י אין אונזער פרשה כא א) וואס ערקלערט דאס וואס די תורה האט געשריבן די תפילה וואס אברהם אבינו האט געבעהטן אויף אבימלך און זיין פרוי (כ יז): "וַיִּתְפַּלֵּל אַבְרָהָם אֶל הָאֱלֹקִים וַיִּרְפָּא אֱלֹקִים אֶת אֲבִימֶלֶךְ וְאֶת אִשְׁתּוֹ וְאַמְהֹתָיו וַיֵּלֵדוּ", נעבן די פסוק וואס דערציילט אונז איבער דאס געבורט פון יצחק (כא א): "וַה' פָּקַד אֶת שָׂרָה כַּאֲשֶׁר אָמָר" - דיך צו לערנען אז "כל המבקש רחמים על חבירו והוא צריך לאותו דבר - הוא נענה תחילה!"

בעפאר מיר ווען צוטרעטן צום ערקלערונג און די באדייט פון די סגולה, איז פאסיג אראפ ברענגען וואס דער 'אור החיים' הקדוש זאגט, כאטש וואס פריער האבן שוין אברהם מיט שרה געהאט די צוזאג אז זיי וועלן געהאלפן ווערן מיט א זוהן, פון דעסטוועגן איז דאס געווען אנגעהאנגען אין א ספעציעלע מצוה וואס זיי וועלן טוהן, און דער באשעפער האט זיי צוגעפירט די מעשה פון אבימלך כדי אז אין זכות פון אברהם אבינו'ס תפילה אויף אים וועט ער אויך געהאלפן ווערן.

#### פארוואס ווערט ער פריער געהאלפן

עטליכע ערקלערונגען טרעפן מיר אויף די סיבה פון די ספעציעלע סגולה פון דאווענען אויף א צווייטן:

א. דער מבי"ט אין זיין ספר 'בית אלקים' (שער התפילה פי"ב) ערקלערט, ווען עס קומט חלילה א צרה אויף איינעם, און ער דאוונט און בעהט פון השי"ת זאל אים העלפן, איז נאכנישט קיין ראיה אז ער האט די ריכטיגע אמונה אין די געוואלדיגע כח פון תפילה, ווייל עס קען זיין אז נאר ווייל ער געפינט זיך אין ענגשאפט און ער וויל זיך ארויס דרייען פון דעם, פראבירט ער אלע פארשידענע סארטן מיטלען, און וועגן דעם פראבירט ער אויך מיט די כח פון תפילה.

אבער ווען זיין חבר געפינט זיך אין א צרה, איז קלאר אז די תפילה פון זיין חבר אויף אים קומט נאר אויב ער טוהט איינערקענען אין די כח פון תפילה און אין די כח פון אמונה אז נאר דער אויבישטער קען אים היילן און העלפן, און ווייל ווען א מענטש דאוונט מיט די ריכטיגע אמונה האט עס א ספעציעלע סגולה אנגענומען צו ווערן, וועגן דעם ווען ער דארף אויך געהאלפן ווערן מיט די ישועה - ווערט ער פריער געהאלפן, ווייל ער האט אויפגעוויזן אז גלייבט אמת'דיג אין די כח פון תפילה.

ב. נאך א הסבר אויף דעם ווערט געברענגט אין ספר 'באר מים חיים' (תרומה): ווען איינער דאוונט אויף א צווייטן און זיין תפילה ווערט אנגענומען, איז דער וואס דאוונט ווי א 'צינור' וואס דורך אים קומט אן די ישועה צו זיין חבר. אויב אזוי, אויב ער דארף אויך האבן די ישועה - איז ער דער ערשטער געהאלפענער, ווייל בעפאר ער ברענגט אראפ די שפע פאר זיין חבר פועלט ער די ישועה פאר זיך.

ג. אין 'עין אליהו' (ב"ק צב א) טייטש ער אין נאמען פון זיין זיידע דער בעל 'שיח השדה': ווען איינער זעהט א צווייטן געפינט זיך אין א צרה, כאטש ער איז אויך אין א געוויסע ענגשאפט, דארף אים ווי טוהן די צער פון זיין חבר און דאווענען אויף אים; אזוי ווי מיר טרעפן ביי אסתר המלכה וואס זי האט געבעהטן פון די אידן אין שושן (אסתר ד טז): "וְצוּמוּ עָלַי וְאַל תֹּאכְלוּ וְאַל תִּשְׁתּוּ שְׁלֹשֶׁת יָמִים לַיְלָה וָיוֹם גַּם אֲנִי וְנַעֲרֹתַי אָצוּם כֵּן"; ד.מ.: ענק זאלן דאווענען אויף מיין צרה וואס קען מיך טרעפן אויף דעם וואס איך גיי אריין צום קעניג אָן ער זאל מיך רופן פריער, און איך וועל דאווענען אויף ענק וועגן די גזירה פון המן וואס וויל אויס'הרג'ענען די אידן.

אזא תפילה האט א ספעציעלע סגולה אנגענומען צו ווערן, ווען דער מענטש פארקוקט פון זיין אייגענע צרה און ער בעהט אויף זיין חבר וואס געפינט זיך אין די זעלבע צרה, ווייזט ער ארויס מיט דעם זיין איידילקייט, אז זיין חבר'ס צער שטערט אים מער ווי זיין אייגענע צער, די זכות העלפט אים אז ער זאל פריער געהאלפן ווערן.

ד. בדרך צחות טייטש דער בעל 'עבודת הגרשוני' (ב"ק שם) די גמרא אין בבא קמא, ווען איינער דאוונט פון טיפן הארץ מיט געפיהל אויף זיין חבר, אז עס זעהט אויס אז 'והוא צריך לאותו דבר' ווי ער דארף אליינס די זאך וואס ער בעהט, אזא אמת'דיגע תפילה ווערט גלייך אנגענומען.

#### ער דאוונט אקעגן זיין אייגענע גוט'ס

אויף א אנדערע וועג אביסל טייטש דער רבי ר' בונים פון פאשיסחא: "המתפלל על חברו והוא צריך לאותו דבר" - ד.מ. ביי אזא פאל וואס אלץ די אייגענע אינטערעס און די גוט'ס פון דער וואס דאוונט וואלט ענדערשט געווען אז זיין חבר זאל נישט געהאלפן ווערן, אזוי ווי מיר טרעפן ביי אברהם וואס אלץ זיין אייגענע אינטערעס וואלט אים בעסער געווען אז אבימלך וועט בלייבן קינדער-לאז, כדי אז די ליצני הדור זאלן נישט זאגן 'מאבימלך נתעברה שרה' (ראה רש"י כה יט), דאך קוקט ער אוועק פון זיינע אייגענע אינטערעסן, און ער דאונט יא אויף זיין פריינד, איז די ספעציעלע מדריגה העלפט אים ער זאל פריער געהאלפן ווערן בדבר ישועה ורחמים ('שמחת ישראל' תורת שמחה אות רנב).

#### דער 'שפת אמת' ווערט נסתלק פון א אויסטערלישע קראנקהייט

ווען דער 'שפת אמת' איז נסתלק געווארן נאך וואס ער איז קראנק געווען אויף אום-באקאנטע קראנקהייט וואס ביז דעמאלטס האבן די דאקטוירים נישט געוואוסט פון דעם, אזוי ווי די גרויסע פראפעסארן וואס זענען גערופן געווארן צו זיין בעט האבן געזאגט, און זיי האבן צוזאם געבראכן זייערע הענט פארצווייפלט, האט דער 'אבני נזר' פון סאכטשאב זי"ע געזאגט:

צום 'שפת אמת' זענען געקומען אסאך מענטשן צו בעהטן אויף א ישועה פון זייערע קראנקהייטן, און ער פלעגט דאווענען פארן אויבישטער פון טיפן הארץ אז זיי זאלן געהאלפן ווערן, איז אויסגעקומען אז ער האט שוין געהאט געדאוונט איבער אלע סארטן קראנקהייטן וואס זענען געווען פארהאן אין די וועלט.

און חז"ל זאגן דאך אז "כל המבקש רחמים על חברו והוא צריך לאותו דבר הוא נענה תחילה", וועגן דעם ווען דער אויבישטער האט געוועלן צונעמען די הייליגע נשמה פונעם 'שפת אמת', איז אראפ געקומען אויף דער וועלט איינגאנצן א נייע קראנקהייט, אזאנס וואס אויף דעם האט ער נישט געדאוונט. ('ראש גולת אריאל' עמ' קנו).

#### די בקשה פון רבי עקיבא אייגער

ווי שטארק האבן די גדולי ישראל געשעצט די סגולה און ווי ווייט האבן זיי געזעהן אין דעם א סגולה פאר א ישועה, קענען מיר לערנען פונעם הייליגן לשון פון רבי עקיבא אייגער אין א תשובה צו איינעם וואס האט זיך אויסגערעדט פאר אים זיין שוואכן געזונט צושטאנד ('משפטי רע"א' בסוף הספר): "און דאס וואס איז זעה פון דיין בריוו אז דו ביזסט נישט אינגאנצן געזונט ל"ע, בעוונותי הרבים איך ציטער אויך פון דעם, און איך וויל ראטן פאר אייך א רפואה, אויב עס איז נישט שווער, דו זאלסט מיר געדענקען ביים דאווענען, און עס וועט מקויים ווערן ביי אייך: "כל המתפלל על חבירו הוא נענה תחילה".

און אזוי האט דערציילט דער גאון רבי ברוך מרדכי אזרחי: אין איינס פון מיינע באזוכן אין חו"ל בין איך איבערראשט געווארן זיך צו באגעגענען מיט א פאר-פאלק וואס איך האב זיי געקענט אסאך יארן אלס קינדערלאז, און דורך חסדי שמים האבן זיי זוכה געווען געהאלפן צו ווערן, און אזוי האבן זיי מיר פארציילט איבער זיי:

נאך אסאך יארן וואס זיי האבן אויסגעגאסן זייער הארץ פארן באשעפער אז ער זאל זיי העלפן, אבער זיי זענען נישט געהאלפן געווארן, האבן זיי זיך געוואנדן צו איינעם פון די חשוב'ע רבנים צו בעהטן פון אים א ברכה און א עצה, ווען דער רב האט געהערט זייער בקשה האט ער געגעבן א קרעכץ און האט געזאגט: איך האב אויך חתונה געמאכט מיין זוהן פאר לאנגע יארן און ער ווארט פון דעמאלטס געהאלפן צו ווערן, אבער ער איז נאכנישט געהאלפן געווארן.

חז"ל זאגן אז המתפלל על חברו והוא צריך לאותו דבר - הוא נענה תחילה, זאג איך ענק יעצט א גוטע עצה, פון יעצט און ווייטער זאלן ענק דאווענען און בעהטן נאר אויף מיין זוהן, און איך וועל אויך בעהטן פון מיין זוהן און זיין ווייב זיי זאלן דאווענען נאר אויף ענק, און עס איז זיכער אז די ישועה וועט נישט פארשפעטיגן צו קומען!

די צוויי פאר-פעלקער האבן געטוהן אזוי ווי דער רב האט זיי געראטן, און פון דעמאלטס האבן זיי געדאוונט נאר אויפן צווייטן, און זיי האבן טאקע זוכה געווען צו זעהן וויאזוי עס ווערט פארווירקליכט די הבטחה פון חז"ל, ווען אין יענע יאר זענען די צוויי משפחות געהאלפן געווארן, און נישט נאר דאס, נאר די צוויי קינדער זענען געבוירן געווארן אינעם זעלבן טאג, ויהי לפלא! ('ברכת דוד' לך לך)

#### ענטפערן אמן איז א סגולה צו האבן נשיאות חן

"אִם נָא מָצָאתִי חֵן בְּעֵינֶיךָ" (יח ד)

'אם נא מצאתי' - איז ראשי תיבות אמן; פון זעהן מיר אז דער וואס געבט אכטונג צו ענטפערן אמן איז זוכה צו א נשיאות חן אין השי"ת'ס אויגן און זיין תפילה ווערט אנגענומען, אזוי ווי עס ווערט געברענגט אין זוהר הק' (וילך רפה ב) אז אין זכות פון ענטפערן אמן ווערן אנגענומען די תפילות פון די אידן.

'תפארת אבות' פרשת כי תשא

---

דער רבי ר' שמעלקא מניקלשבורג זיע"א זאגט:

דורך די ברכה ווערט באשאפן א מלאך און ער ווערט נישט געענדיגט נאר דורכ'ן ענטפערן 'אמן'

און טאקע אזוי האט זיך געפירט דער רבי ר' שמעלקא,

נישט צו זאגן קיין שום ברכה אן מ'זאל אויף דעם ענטפערן 'אמן'

'אהל יצחק' עמ' לו

"אמן" (=91)
"מלאך" (=91)

'אמן' איז ר"ת 'אחד מלאך נברא'

טייערע אידן

לאמיר אלע אכטונג געבן צו אנהויבן דעם טאג מיטן זאגן די ברכות השחר פאר איינעם וואס וועט ענטפערן נאך זיי 'אמן', אזוי וועלן מיר זוכה זיין צו לויבן דעם באשעפער ווי עס דארף צו זיין און פון אונזערע ברכות וועלן באשאפן ווערן מלאכי רחמים וואס וועלן זיין גרייט צו העלפן פאר די אידן. אמן.

# פניני אמונים

פערל ווערטער איבער אמן
און תפילה אין די פרשה פון די וואך

## א תפילה אויף הכנסת אורחים

"וְהוּא עֹמֵד עֲלֵיהֶם תַּחַת הָעֵץ וַיֹּאכֵלוּ" (יח ח)

די לשון פון די פסוק 'עומד' האט געטייטש **רבי ישעיה פון פשעדבארזש**, א תלמיד פונעם חוזה פון לובלין, לויט ווי חז"ל זאגן (ברכות ו ב) "אין עמידה אלא תפילה", וואס ד.מ. אז עמידה איז טייטש דאווענען; אז אברהם אבינו - דער עמוד החסד - האט געדאוונט צום אויבערשטן אז ער זאל זוכה זיין צו קענען מקיים זיין מיט זיינע געסט די מצוה פון הכנסת אורחים ווי עס דארף צו זיין, אז די געסט זאלן זיין הונגעריג און וועלן עסן.

'אוצר אפרים'

## ביי מלאכים איז נישט געזאגט געווארן 'בטלה דעתו'

"וַיֹּאמְרוּ אֵלָיו אַיֵּה שָׂרָה אִשְׁתֶּךָ" (יח ט)

רש"י ברענגט וואס רבי יוסי ברבי חנינא זאגט (ב"מ פז א) אז די מלאכים האבן איר געוואלט שיקן פון די כוס של ברכה. נאר לכאורה איז שווער, צווישן אלע עסנווארג וואס אברהם האט דערלאנגט פאר זיינע געסט טרעפן מיר נישט אז מ'האט זיי דערלאנגט ברויט (זעה רש"י אויבן פסוק ח), איז אויב זיי האבן נישט געדארפט בענטשן איז פון וואו האבן זיי געהאט א כוס של ברכה?

נאר דער וואס קוקט נאך אין דער מקור פון די הלכה אין מסכת ברכות (לה ב) וועט זעהן אז די סיבה פארוואס דער וואס איז קובע זיין סעודה אויף אנדערע עסנווארג - אויסער ברויט - דארף נישט בענטשן, כאטש ער איז געווארן פון זיי זאט, ווייל איך זאג 'בטלה דעתו אצל רוב בני אדם', ד.מ. אז זיין פריוואטע אויפירונג איז נישט חשוב אקעגן די אויפפירונג פון אנדערע מענטשן וואס זענען נישט קובע זייער סעודה אויף די אנדערע עסנווארג.

וויבאלד אז די כלל פון 'בטלה דעתו אצל כל **אדם**' פאסט נישט ביי מלאכים, פארשטייט מען פארוואס די געסט פון אברהם האבן געבענטש נאכן עסן כאטש זיי האבן נישט געגעסן קיין ברויט.

'חיי דוד'

## א תפילה איז גרעסער פון א ברכה פון א צדיק

"וַתִּצְחַק שָׂרָה בְּקִרְבָּהּ לֵאמֹר אַחֲרֵי בְלֹתִי הָיְתָה לִּי עֶדְנָה" (יח יב)

פארוואס האט שרה טאקע געלאכט?

ערקלערט דער **ספורנו**: שרה האט געטראכט אז דער מלאך איז נישט געשיקט געווארן צו איר ווי א צוזאג פון השי"ת צי ווי זיין וואונטש, נאר אלץ א ברכה פון א נביא. ווען דעם האט זי געלאכט, ווייל זי האט געוואוסט אז צו אזא גרויסע נס צו געבוירן א קינד אויף דער עלטער וואס איז ממש ווי תחיית המתים, קען נישט נוצן א ברכה פון א נביא, נאר א קלארע צוזאג פון דעם אויבערשטנ'ס מויל, **אדער א תפילה וואס קען אויפטוהן מ'זאל געפינען חן אין השי"ת'ס אויגן.**

האט דער משגיח הגה"צ **רבי אורי ווייסבלום** געזאגט לויט די ווערטער פונעם ספורנו: עס איז מורא'דיג צו זעהן ווי גרויס איז דער כח פון תפילה, אסאך מער פון א ברכה פון א צדיק - וואס כאטש אז עס איז זיכער גאר א גרויסע זאך, דאך קען מען מיט תפילה מער אויפטוהן...!

און האט צוגעלייגט: אמאל זאגן אונז די גדולי ישראל ווען מיר קומען צו זיי בעהטן א ברכה: 'דאוון אליין!' מיר דארפן צו וויסן אז עס איז נישט ווי אוועק געשטויסן, נאר די ענטפער איז געבויעט אויף די ווערטער פונעם ספורנו וואס זאגט אז די כח פון תפילה איז אסאך מער גרעסער פון א ברכה פון א גרויסער מענטש.

## שרה האט געדארפט ענטפערן אמן!

"וַיֹּאמֶר ה' אֶל אַבְרָהָם לָמָּה זֶּה צָחֲקָה שָׂרָה" (יח יג)

א וואונדערליכער זאך שרייבט אויף דעם דער **רמב"ן**: ריכטיג טאקע אז שרה האט נישט געוואוסט אז אירע געסט זענען מלאכים, און נאר ווייל זי האט געמיינט אז זיי זענען אראבער'ס האט זי געלאכט פון זייערע רייד; אבער די טענה פון דעם אויבערשטן צו איר איז געווען: פארוואס האסטו געלאכט?! זי וואלט דאך געדארפט ענטפערן אויף די וואונטש פונעם מלאך: 'אמן, אזוי זאל זיין!'

## אברהם בעהט לפנים משורת הדין

"הִנֵּה נָא הוֹאַלְתִּי לְדַבֵּר אֶל ה' וְאָנֹכִי עָפָר וָאֵפֶר" (יח כז)

מ'קען טייטשן אז אברהם האט געוואלט מיט די ווערטער מעורר זיין רחמים אויף די איינוואוינער פון סדום, און אזוי האט ער געזאגט: רבונו של עולם! אלץ די מידת הדין וואלט איך שוין געדארפט זיין עפר ואפר נאך וואס איך בין אריינגעווארפן געווארן אינעם קאלאך-אויוון, נאר דורך דיינע גרויסע חסדים וואס דו האסט געטוהן מיט מיר לפנים משורת הדין האסטו מיך גראטעוועט; אויב אזוי, בעהט איך, פיר דיך אויך מיט די מענטשן פון סדום לפנים משורת הדין, און האב רחמנות אויף זיי.

'שם משמואל'

## א תפילה פון א נאנטער ווערט מער אנגענומען

"וַיֹּאמֶר אֵלָיו הִנֵּה נָשָׂאתִי פָנֶיךָ גַּם לַדָּבָר הַזֶּה לְבִלְתִּי הָפְכִּי אֶת-הָעִיר" (יט כא)

ווען לוט האט געוואלט ראטעווען איינס פון די שטעט פון סדום, האט ער זיך געבעהטן צום אויבערשטן אויף די שטאט 'צוער': "אִמָּלְטָה נָּא שָׁמָּה הֲלֹא מִצְעָר הִוא וּתְחִי נַפְשִׁי", און עס איז אנגענומען געווארן: "הִנֵּה נָשָׂאתִי פָנֶיךָ גַּם לַדָּבָר הַזֶּה לְבִלְתִּי הָפְכִּי אֶת הָעִיר אֲשֶׁר דִּבַּרְתָּ" - איז וויאזוי קען זיין אז די תפילות פון אברהם אויף סדום האט נישט געהאלפן?

האט דער משגיח פון לעיקוואד **רבי נתן וואכטפויגל** זצ"ל ערקלערט: ווייל לוט האט געהאט א אייגענע אינטערעס ווען ער האט געדאוונט ווייל ער האט זיך געוואלט ראטעווען, איז זיין תפילה אנגענומען געווארן, ווייל א 'אייגענער דאוונט אנדערשט'... אבער - לייגט ער צו - עס איז זיכער אז זיין תפילה האט געקענט אויפגעטוהן נאר דורך די פריערדיגע תפילה פון אברהם אבינו!

'לקט רשימות' תפילה עמ' ריא

## די תפילה האט אראפגעוואויגן די וואגשאל

"וה' פָּקַד אֶת שָׂרָה כַּאֲשֶׁר אָמָר" (כא א)

פארוואס שטייט די פרשה נעבן די פרשה פון אבימלך? אונז צו לערנען אז איינער וואס בעהט אויף א צווייטן און ער דארף אויך געהאלפן ווערן מיט די זאך - ווערט ער פריער געהאלפן (רש"י ע"פ דברי הגמרא ב"ק צב א)

דער משגיח הגה"צ **רבי יחזקאל לעווינשטיין** האט זיך געוואונדערט: אברהם און שרה האבן שוין געהאט א קלארע צוזאג פון השי"ת אז זיי וועלן געהאלפן ווערן מיט א זוהן, איז פארוואס הענגט אן די גמרא די ישועה דורך די תפילה פון אברהם אויף אבימלך?

נאר, האט דער משגיח געזאגט, פון דא קענען מיר זיך לערנען אז אויך אויב מ'האט אזא ספעציעלע צוזאג דארף נאך צוקומען צו תפילה וואס וועט אראפ וועגן דעם וואגשאל, אזוי ווי מיר זעהן דא אז די תפילה פון אברהם אויף אבימלך האט צוגעברענגט אז ער איז געהאלפן געווארן מיט א זוהן.

'אור יחזקאל' ח"ד עמ' קעג

## 'דער אויבישטער זאל מיר העלפן!'

"וַיֹּאמֶר אֲבִימֶלֶךְ... אֶל-אַבְרָהָם לֵאמֹר אֱלֹקִים עִמְּךָ בְּכֹל אֲשֶׁר-אַתָּה עֹשֶׂה" (כא יב)

ערקלערט רבי יצחק פון וואלאזשין:

אין די ווערטער האט אבימלך ארויס געברענגט זיין באגייסטערונג פון דעם וואס אברהם האט אכטונג געגעבן צו זאגן בעפאר יעדע זאך וואס ער האט געטוהן: 'דער אויבישטער זאל מיר העלפן!', ווייל אלעס האט ער געטוהן לשם שמים.

'פה קדוש'

# מעשה אמונים

א וועכנטליכע ערציילונג
אויף אמן און תפילה

## פארוועמען קומט זיך דער מאנטל?

**א וואונדערליכער משל וואס מיט דעם קען מען ערקלערן די מעלה פון דער וואס דאוונט אויף א צווייטן, ברענגט דער גאון רבי עזרא אלטשולר זצ"ל אין זיין ספר 'תיקון האדם' (פ"י אות יג):**

צוויי גוטע פריינד, א אלטער מיט א יונגער, וואס זענען אנגעקומען צו זייער א שווערן פרנסה צושטאנד, ביז זיי האבן געהונגערט אויף ברויט, האבן באשלאסן זיך ארויס לאזן אויפן וועג, וואנדערן פון איין פלאץ צום צווייטן, זוכן א פרנסה פון וואו זיי וועלן זיך קענען שפייזן, באצאהלן זייער חובות און אפשפארן עפעס געלט אויפן צוקונפט.

אין לויף פון אסאך צייט האבן די צוויי זיך געוואלגערט צווישן שטעט און דערפער, ווען זיי פראבירן זייער מזל אין אסאך ערליי ארבעטן, אבער זיי האבן נישט געזעהן קיין הצלחה אין קיין איין ארבעט, אזעלעכע סיבות און אנדערע האבן צוגעברענגט אז זיי האבן זייער שנעל געמוזט אפלאזן יעדע ארבעט, און ווייטער פארזעצן זייער שווערן רייזע פון זוכן א ארבעט'ס פלאץ.

עס איז שוין אדורך א גאנץ זומער, און אין איינע פון די טעג האט מען זיי אנגעטראגן א ארבעט וואס האט געפאסט צו זייערע פאדערונגען, אזא ארבעט וואס פון איין זייט דארף מען זיך נישט שטארק פלאגן, און פון די צווייטע זייט האט מען גערעדט פון א שיינע געהאלט.

דאס איז געווען ווען זיי זענען געוואר געווארן אז עפעס א רייכער בעל בית זוכט געטרייע היטער'ס וואס זאלן ארום שפאצירן אין זיינע וועלדער און אכטונג געבן אז די גנבים זאלן נישט שניידן פון זיינע העלצער באהאלטענערהייט אן קיין רשות.

טראץ די שיינע סומע וואס ער האט צוגעזאגט פאר די ארבייטער, האבן זיך נישט אסאך מענטשן צוגעכאפט צו די ארבעט וואס איז געווען פארבינדן מיטן זיך פארזוימען לאנגע שעה'ן אינעם פוסטן וואלד אונטער א שטענדיגע שרעק פון זיך באגעגענען מיט די ווילדע פארשוינען וואס דאס לעבן פון א מענטש איז נישט געווען טייער אין זייערע אויגן ווען זיי האבן געוואלט אויספירן זייער ווילן.

נישט האבנדיג א אנדערע אפציע האבן זיי ביידע באשלאסן צו נעמען אויף זיך די ארבעט, ווען זיי האבן צווישן זיך אפגעשמועסט די ארבעט סיסטעם, אז דער אלטער וועט אפהיטן דעם וואלד אין די ווינטער טעג און אין די זומער נעכט, און דער יונגער וועט אפהיטן אין די ווינטער נעכט און אין די זומער טעג.

ווי געזאגט, זייער ארבעט האט זיך אנגעהויבן אנהויב ווינטער, און וועגן דעם האבן זיי באשלאסן אז זיי מוזן קויפן א מאנטל מיט זייער ביסל אפגעשפארטע געלט, וואס דאס זאל באשיצן אויף זייער קערפער פון די שטארקע קעלט וואס האט געהערשט אין וואלד.

אבער ווייל מיט די סומע וואס זיי האבן געהאט ביי זיך האט מען קוים געקענט קויפן איין מאנטל איז געווארן חילוקי דעות צווישן זיי:

דער אלטער האט גע'טענה'ט אז די מאנטל קומט זיך פאר אים, ער איז אלט און שוואך און די קעלט וועט אים זיכער קראנק מאכן מער ווי פארן צווייטן וואס איז יונג און שטארק, אבער דער יונגער האט פארפירט ווייזנדיג דעם אפמאך, און ער האט גע'טענה'ט אז אין די צייט וואס דער אלטער וועט זיין ביי די נעכט אין א פיינע ווארעמע שטוב וועט ער זיך דארפן ארום דרייען אינעם וואלד און זיך דארפן פארמעסטן מיט די שווערע ווינטן און די שניי.

זעהענדיג אז זיי קענען זיך נישט פארגלייכן, האבן זיי באשלאסן גיין צום גרויסן שטאט, וואו דארט איז דער אב"ד געווען פון די גדולי הדור, כדי זיך דורך רעדן מיט אים איבער די שווערע שאלה וואס האט שוין שיער צוגעברענגט צו א פייער צווישן די צוויי גוטע פריינד.

די צוויי האבן זיך געשלעפט צום רב'ס שטוב און דארטן האבן זיי אנגעהויבן פארלייגן זייערע טענות, ווען דער טענה'עט אזוי און דער צווייטער טענה'עט פארקערט. דער רב האט שווייגנדיג אויסגעהערט זייערע טענות, ווען זיי האבן געענדיגט האט ער געזאגט: זייער א שווערע דין תורה האבן ענק פארגעלייגט אויף מיין טיש, איך וועל עס נישט קענען אליין פסק'ענען, איך וועל עס דארפן פארלייגן פארן בית דין וואס וועט באשליסן דעם פסק.

מיט דעם, כדי ענק זאלן נישט ארויס גיין פון מיין שטוב אן גארנישט, וויל איך ענק געבן א עצה פון מיין ערפארונג א עצה פון א קלוגן איד וואס וועט ענק קענען שטארק צו העלפן זיך ארויס דרייען פון דעם שווערן פלאנטער דורך א גוטן פסק וואס וועט ענק ביידע צופרידן שטעלן:

בעפאר ענק קומען אראפלייגן ענקערע טענות אין בית דין, מאכט אפ צווישן ענק אז פון די מינוט און ווייטער דרייען ענק איבער ענקערע טענות, דער אלטער וועט טענה'ען אז די מאנטל קומט זיך פארן יונגן, ווייל ער גייט אכטונג געבן ווען עס איז גאר שטארק קאלט, און דער יונגער זאל זאגן אז ווייל דער צווייטער אין אלט און שוואך וועט ער דאך מער ליידן פון די קעלט, וועגן דעם דארף דער אלטער עס באקומען, און ער וועט זיך קענען אנווארעמען אויך אן א מאנטל.

די צוויי פריינד האבן זיך געוואונדערט אויף די איבערראשנדע ווערטער, אבער די קלוגשאפט פון דעם רב וואס איז געווען באקאנט איבעראל, האט זיך געשטארקט אויף זיי, זיי האבן געגלייבט אז ער וויל נאר זייער גוט'ס און זיי האבן באשלאסן צו טוהן אזוי ווי ער האט זיי געזאגט.

ביינאכט, ווען די דיינים זענען אנגעקומען צום בית דין שטוב'ל, האבן זיך די צוויי פריינד אוועק געשטעלט פאר זיי, און אנגעהויבן צו זאגן זייערע טענות אזוי ווי דער רב האט זיי פון פריער געזאגט, ווען דער אלטער טענה'עט מיט א ברען לטובת דעם יונגן און דער יונגער טענה'עט צוריק לטובת דעם אלטן.

ווען זיי האבן געענדיגט זענען זיי געבעהטן געווארן ארויס צו גיין פון דארט אויף א שטיקל צייט אזוי ווי עס איז איינגעפירט, כדי די דיינים זאלן קענען רוהיגערהייט אריין טראכטן אין זייער וויכוח, דעמאלטס האט דער אב"ד זיך געוואנדן צו די אנוועזנדע און האט זיי געזאגט: ענק האבן זיך איבערגעצייגט אז זיי ביידע דארפן וויכטיג האבן א מאנטל, ווייל קיינער פון זיי וועט נישט טענה'ען פארן צווייטן נאר אויב ער זיכער ביי זיך ווי שטארק עס פעהלט אויס פארן צווייטן.

ווען זיי וואלטן נישט געווען אזעלעכע ארימעלייט וואלטן זיי זיכער געקויפט צוויי מאנטלען, לאמיר צוזאמשטעלן די צעהן רובל וואס קאסט נאך א מאנטל און אזוי וועלן מיר ערלעדיגן זייער פראבלעם.

איינס צוויי האט מען צוזאמגענומען די סומע וואס פעלט זיך אויס, און באלד זענען גערופן די צוויי בעלי דינים צוריק קומען צום בית דין שטוב, ווען אנשטאט די פסק האט מען זיי דערלאנגט א קאנווערט וואס אין דעם אין געווען צעהן רובל צו קויפן נאך א מאנטל.

פרייליכערהייט זענען ביידע ארויס פון בית הדין, ווען זיי האבן פארשטאנען די גרויסע קלוגשאפט פון דעם רב - ווען זיי האבן זיך איבערגעצייגט אז ווען יעדער פון זיי זוכט דעם צווייטנ'ס גוט'סקייט ווערן ביידע געהאלפן, אנדערשט ווען יעדער זארגט נאר פאר זיך און פונעם צווייטן פארהוילט מען זיך, וואס דעמאלטס קענען ביידע פארלירן.

עיצובים shay